וועטער : אממייסטן קלאר, מילדער

The Only Jewish
Newspaper in
Western Canada
Established 1910
PUBLISHED
DAILY

דאס
אידישע ווארט
THE GATEWAY OF THE WEST.
THE ISRAELITE PRESS

זון אויפגאנג — 4.36
זון אונטערגאנג — 8.14

די איינציקע אידישע
צייטונג
אין מערב קאנאדע
עטאבלירט אין 1910
דערשיינט
יעדן טאג

Vol. 21, No. 99. Winnipeg, Thur. May 21, 1931. Published Daily except Saturday and Sunday. דערשיינט יעדן טאג חוץ שבת און זונטאג דאנערשטאג ה' סיון, תרצ"א.

NEW YORK PUBLIC LIBRARY 1931

דריי קינדער דערמאָרדעט אין עלמוואוד

מוטער געפינט איר זון און צוויי טעכטער טויט און איר "באָרדער" מיט איבערגעשניטענעם האלז

"באָרדער", וועלכער ווערט דערוואַרטעט צו בלייבן לעבן, זאל זיך האבן מודה געווען אין דעם מארד. — 18 יאריקער זון פון מרס. ליליען וואלטערס, 338 ריווערטאן עוו., דערשאסן אויף טויט, און אירע צוויי יונגע טעכטער געשאסן און דערנאך געקוילעט מיט א ראזיר מעסער — מוטער אנטדעקט טראגעדיע קומענדיק אהיים פון דער ארבעט

א שרעקלאכע טראגעדיע האט זיך נעכטן אפגעשפילט אין א היים אין עלמוואוד (וויניפעג), וואו עס איז פארגעקומען א דרייפאכער מארד און א פרווו פון זעלבסטמארד. דריי קינדערשע לעבנס זיינען אויף א ברוטאלן-מערדערישן אופן אויסגעלאשן געווארן און דער מערדער געפינט זיך אין דזשענעראל האספיטאל מיט א וואונד אין זיין האלז און ער זאל, לויט דער פאליציי, זיך האבן מודה געווען אין דעם שוידערלאכן פארברעכן. מען גלויבט, אז ער זאל בלייבן לעבן. דער מאן, וועלכער ווערט איצט פון דער פאליציי באוואכט אין שפיטאל איז דזשאן סטריוו, 45 יאר אלט. ער איז געווען א בארדער אין דער היים פון די דערמארדעטע קינדער.

די קרבנות זיינען:

דזשארדזש וואלטערס, 18 יאר אלט; איירין וואלטערס, 12 יאר, און דאריס וואלטערס, 9 יאר אלט.

צוויי פון די קינדער זיינען געפונען געווארן טויטע אין בעט נעכטן ארום זעקס אזייגער נ.מ., אין 338 ריווערטאן עוועניו, עלמוואוד, די היים פון זייער מוטער. זייערע העלזער זיינען געווען איבערגעשניטן. דער דריטער קרבן, דזשארדזש, דער עלטערער פון די דריי קינדער, איז געפונען געווארן א טויטער אין אן אנדער בעט, א דערשאסענער.

לויט ווי סטריוו האט זיך מודה געווען פאר דער פאליציי, האט ער נעכטן דערמארדעט דזשארדזש וואלטערס 9.20 אינדערפרי, שיסנדיק אים מיט א רעוואלווער. ווען די צוויי מיידלאך זיינען געקומען פון סקול מיטאג צייט האט ער זיי אויך ביידן דערשאסן. נאכדעם איז ער אוועק צום רעד ריווער און ער האט אריינגעווארפן זיין רעוואלווער אין וואסער.

ווען ער איז צוריקגעקומען אין דער זעלבער הויז, זאגט די פאליציי, אז ער האט זיך מודה געווען, אז ער האט זיי נאך געפונען לעבעדיקע, האט ער זיי איבערגעשניטן זייערע העלזער מיט א ראזיר-מעסער.

מוטער האט געפונען די קערפערס פון אירע קינדער

מרס. ליליען וואלטערס, 338 ריווערטאן עוועניו, די מוטער פון די דריי קינדער, האט געפונען זייערע קערפערס אין צוויי בעטן אין איר היים, ווען זי האט זיך צוריקגעקערט פון דער ארבעט נעכטן זעקס אזייגער פארנאכט.

זי האט דערציילט דער פאליציי, אז אירע צוויי טעכטער זיינען געלעגן טויטע אין איין צימער אין א בעט. זי האט באלד געמאכט א געשריי און איז ארויסגעלאפן אנזאגן אירע שכנים פון איר גרויסן אומגליק, און ווען זי האט זיך צוריקגעקערט צו איר פרידלאכער היים וואס איז פארוואנדלט געווארן אין א שלאכט הויז, האט זי געפונען איר זון דזשארדזש א דערשאסענעם אויף טויט אין א בעט אין א צווייטן צימער.

סטריוו איז געלעגן אויפ'ן דיל אין אונטערשטן שטאק מיט א צעשניטענעם האלז אין א באוואוסטלאזן צושטאנד, האט מרס. וואלטערס דערציילט. די שכנים האבן באלד געלאזט וויסן דער פאליציי וועגן דער שוידערלאכער טראגעדיע.

ראזיר מעסער געפונען

אונטער א בעט אין איין צימער איז געפונען געווארן א פארבלוטיקטער ראזיר-מעסער.

לויט ווי שכנים דערציילן האט מרס. וואלטערס מאן זי פארלאזט מיט יארן צוריק, און די פרוי האט דערציילט דער פאליציי, אז סטריוו האט זי פאר די לעצטע עטלאכע מאנאטן פארפאלגט, אז זי זאל מיט אים חתונה האבן, און זי האט אים יעדעס מאל אפגעזאגט.

מרס. וואלטערס האט דערציילט, אז נעכטן איז זי אוועק צו דער ארבעט פאר פרי איבערלאזנדיק דאס הויז אין דער געוויינלאכער ארדענונג, און אז סטריוו איז פארבליבן אין הויז. די צוויי קינדער זיינען ווארשיינלאך אוועק אין סקול ארום 8.30 אינדערפרי. די פאליציי האט דערוויילע ניט אנגעגעבן וועלכע עס איז טעאריעס פאר דעם פארברעכן.

מר. און מרס. ד. דע פיטרא, שכנים פון דער צווייטער הויז דערביי האבן געזאגט, אז זיי זיינען געווען דעם גאנצן נאכמיטאג אין זייער היים, און אז זיי האבן ניט געהערט קיין שיסעריי און זיי האבן ניט געהאט קיין פארדאכט אז עס קומט דארטן עפעס פאר. ביז 6 אזייגער האבן זיי קיין אנונג ניט געהאט וואס עס איז פארגעקומען אין 338 ריווערטאן עוועניו. ערשט ווען מרס. וואלטערס איז געקומען פון דער ארבעט און זי האט געמאכט קולות האבן זיי זיך דערוואוסט פון דער טראגעדיע. זיי זיינען ניט אריינגעקומען אין יענער הויז ביז די פאליציי איז אנגעקומען.

מרס. פיטרא האט דערציילט, אז זי האט באמערקט סטריבן ארויסגיין צוויי מאל דורך דער הינטערשטער טיר. דאס איז געווען ארום מיטאג צייט. זיין באנעמונג איז געווען אזא ווי ער וואלט געצווייפלט צי ער זאל אוועקגיין פון דער הויז אדער ניט. יעדעס מאל האט ער זיך צוריקגעקערט אין שטוב. אבער זי האט קיין אויסערגעוויינלאכעס ניט באמערקט, האט זי געזאגט.

סטריוו איז א מאן פון ארום 45 יאר, פון ליכטיקן אויסזעען און מיט א פליך אויפ'ן קאפ, לויט א דערקלערונג פון דער פאליציי.

מיט דריי יאר צוריק איז אויף דער זעלבער גאס אין עלמוואוד באגאנגען געווארן א מארד ווען דער טרויעריק בארימטער "דערשטיקער", אוירל נעלסאן, האט דערשטיקט מרס. וויליאם פעטערסאן.

שכנים האבן איר געראטן פטור צו ווערן פון סטריבן

די היים אין וועלכער די טראגעדיע האט פאסירט איז א קליינע, ציכטיקע הויז. די מוטער האט אויף דעם גוט אכטונג געגעבן, כאטש זי איז די פארדינערן און האט שווער געארבעט פאר'ן שטיקל ברויט. דער אינגל האט אויך געארבעט, ארויסהעלפנדיק דער פאמיליע. אויסער די דריי קינדער, האט זי נאך א קינד אין'ם אנשטאלט פאר טויב-שטומע.

עס ווערט פארשטאנען אז סטריוו איז לעצטנס צו איר צוגעשטאנען אז זי זאל מיט אים חתונה האבן. שכנים האבן איר געראטן אז זי זאל אים ארויסשיקן פון הויז, אבער זי איז ניט געווען גענייגט דאס צו טאן, ווייל ער איז ארבעטסלאז. צי זי האט אים יא צום סוף געהייסן ארויסקלייבן זיך, וואס האט אים אפשר אויפגעבראכט, איז ניט באקאנט.

מרס. וואלטער האט א שוועסטער דא אין שטאט און קרובים אין קאוואליער, נארט דאקאטא.

מישיגאן נעמט אָן רעגיסטראציע ביל

ביל אנגענומען אין לעגיסלאטור און סענאט פאדערט רעגיסטראציע פון אלע פרעמדגעבארענע און פארבאט באשעפטיקונג פון ניט פארעגיסטרירטע

(ספעציעלע טעלעגראמע צו "דאס אידישע ווארט" פון "איטא")

דעטראיט, מיש., מאי 21 (איטא).— אידישע פארשטייער פון גאנץ מישיגאן האבן היינט געווענדעט זיך צו גאווערנאר ברוקנער מיט דער בקשה, אז ער זאל וועטאירן דעם רעגיסטראציע ביל, וואס איז לעצטן אונטן אנגענומען געווארן אי אין שטאטס לעגיסלאטור, אי אין סענאט.

דער ביל פאדערט אויף יעדן פרעמדגעבארענעם אין מישיגאן צו רעגיסטרירן זיך ביי דער שטאטס פאליציי, אנגעבנדיק דערביי באווייזן, אז ער איז געזעצלאך אריינגעקומען אין לאנד.

דער אקט פארבאט די באשעפטיקונג פון וועלכן ס'איז פרעמדגעבארענעם וועלכער פארמאגט ניט א קארטל ארויסגעגעבן פונ'ם שטאטס דעפארטמענט פון געזעלשאפטלאכער זיכערקייט. פארשטייער פון פירמעס וואס וועלן ברעכן דעם דאזיקן געזעץ און וועלן באשעפטיקן ניט פאר-רעגיסטרירטע פרעמדגעבארענע קאנען באשטראפט ווערן מיט הונדערט דאלאר און קאנען אויך פאראורטיילט ווערן צו ניינציק טעג געפענגעניש.

דאס זעלבע איז אויך מיט די פרעמדגעבארענע וואס קאנען ניט צייגן קיין קארטלאך ווען מען פארלאנגט אזעלכע ביי זיי, — זיי זיינען אונטערגעווארפן צו די זעלבע שטראפן, און אויסער דעם ווערן זיי דאן איבערגעגעבן פון דער שטאטס פאליציי צום אימיגראציע דעפארטמענט פאר דעפארטאציע.

אדעלא קין-זאמעטקין געשטארבן

(ספעצ. טעלעג. צו ד.א.וו. דורך "איטא")

ניו-יארק, מאי 21 (איטא).— אדעלא קין זאמעטקין, באוואוסטע אידישע שרייבערן און סאציאליסטישע פירערן איז דא געשטארבן אין עלטער פון 68 יאר.

די פארשטארבענע האט פאר די לעצטע יארן מיטגעארבעט אין "טאג", וואו זי האט אנגעפירט אן אפטיילונג "עצות צו פרויען".

—(::)—

אורטייל איבער אברהם שטיינבערגס אפיל רעזערווירט

אטאווא, מאי 21.— דער גורל פון אברהם סטיינבערג, פון טאראנטא, פאראורטיילט געהאנגען צו ווערן פארן מארד פון זיין שותף, שמואל גאלדבערג, איז איצט אין די הענט פונ'ם העכסטן געריכט. דער אפיל פונם פאראורטיילטן, וואס האט זיך באזירט אויף אומרעגולמעסיקייט אין די אינסטרוקציעס פונם-ריכטער צו דער דזשורי, איז פאראהאנדלט געווארן פונם העכסטן געריכט און דער אורטייל איז רעזערווירט געווארן.

דער אפעלאציע געריכט פון אנטאריא האט פריער דעם אפיל צוריקגעווארפן, און דער אפיל איז דאן אפגעשיקט געווארן צום העכסטן געריכט אין אטאווא.

—(::)—

רומענישע אידן באאומרואיקט פון אנטיסעמיטישן קאמפיין

בוקארעסט, מאי 21 (איטא).— די אידן פון מאראמאראשער געגנט זיינען שטארק באאומרואיקט פון דעם גרויסן אנטיסעמיטישן קאמפיין וואס ווערט דארטן אנגעפירט.

זילעא קאדרעאנו, מיט א גרופע פון זיינע אנטיסעמיטישע נאכפאלגער, האבן לעצטע נאכט דורכגעפירט א קאמפיין פארזאמלונג אין זיבענבורגען און זיי האבן געגרינדעט א שטענדיקע הויפט-קווארטיר אין בארשא. די דראענדיקע רעדעס פון קאדרעאנו און זיינע נאכפאלגער, צוזאמען מיט'ן פאקט וואס בארשא איז אויסגעקליבן געווארן פאר דער הויפט-קווארטיר פונ'ם אנטיסעמיטישן וואל קאמפיין, ווארפן אן א שרעק אויף די אידן פון דעם געגנט, באזונדערס דערפאר וואס ביז די וואלן זיינען פארבליבן נאך 12 טעג.

—(::)—

ארבעטסלאזע קריגן גערטנער און זריעה

די ספעציעלע ארבעטסלאזיקייטס קאמיסיע פון סיטי קאונסיל האט באשלאסן ארויסצוהעלפן די פארהייראטע ארבעטסלאזע דערמיט וואס זי וועט זיי געבן פריי זריעה פאר גערטנער. וואו דאס וועט נאר זיין מעגלאך, וועט זי זיי אויך געבן פרייע שטאטיק פלעצער ("לאטס") פאר גערטנער. עס קאן זיין, אז מען זאל אראנזשירן זיי זאלן אויך קאנען לייען נויטיקע געצייג פארן גארטן.

—(::)—

אין תלמוד תורה מנין

ווי דער תלמוד תורה מנין קאמיטעט מעלדעט, וועט דארט א גאנץ יום טוב געדאווענט ווערן רעגולער מיט'ן כאר. די תפלות וועלן זיך אנהויבן דאנערשטאג אווענט און פרייטאג אווענט, 8 אזייגער און פרייטאג און שבת פרי — הנכרת נשמות — פונקט 9.30. רבי זילבערשטיין וועט ריידן ביידע אויפערנאכטן און ביידע פרימארגנס אין אידיש און אין ענגליש. צוויי ספעציעלע רעדעס אין ענגליש וועט ער האלטן פאר די אינגלאך, פרייטאג אין דער פרי אויף דער טעמע: "דער איד — דער גרעסטער וועלט-וואנדערער" און שבת אין דער פרי אויף דער טעמע: "דער מדבר און זיין ראל אין געבורט פון אידנטום". ווי דער קאמיטעט מעלדעט זיינען אלע פאטערס פון וויניפעג איינגעלאדן, ניט קוקנדיק צי זייערע קינדער באלאנגען צום מנין, אדער ניט.

—(::)—

קיין שוועריקייטן פאר אידישער איינוואנדערונג אין שפאניע

זשענעווע, מאי 21 (איטא). — קיין לעגאלע שטערונגען פאר דער אידישער אימיגראציע קיין שפאניע ווערן ניט פאראויסגעזען, האט דא דערקלערט צו דער "איטא" דער שפאנישער אויסערן מיניסטער אלעקסאנדרא לערו, וועלכער איז דא צו דער זיצונג פון פעלקער-ליגע ראט. די אידישע אימיגראנטן וועלן האבן א געלעגנהייט איינצוואנדערן זיך אין שפאניע, האט ער פארזיכערט.

סאָוועטישער פאָרשלאג ענלאך צו פוילישן, מיט געוויסע באדינגונגען

סאָוועטישע פארשטייער פאר ווייץ קוואָטא וואס זאל זיך באזירן אויף פאר-מלחמה'דיקע עקספארטן. — קאנפערענץ זוכט מיטלען ווי אראפצוזעצן איבערפלוס פון ווייץ

לאנדאן, מאי 21. — די סאוועטישע פארשטייער ביי דער ווייץ קאנפערענץ האבן אנגעגעבן זייער פלאן פונ'ם ווייץ-פארקויף, וואס איז ענלאך צום פוילישן. זיי זיינען אויך פאר א ווייץ קוואטא, אבער בעת פוילן גיט ניט אן קיין באזים פאר איר קוואטא, פאדערן די סאוועטישע דעלעגאטן, אז די קוואטא זאל באשטימט ווערן אויפ'ן באזיס פון די עקספארטן פון פינף יאר פאר דער מלחמה.

דער פלאן אבער וועט ארבעטן גינסטיק פאר רוסלאנד, וועמעס עקספארטן פון ווייץ זיינען געווען זייער הויך פאר דער מלחמה, אבער פאר קאנאדע און אנדערע לענדער וואס האבן אנטוויקלט זייערע ווייץ עקספארטן ערשט פון דער מלחמה אן, וועט אזא באזיס ניט זיין אננעמבאר.

די סאוועטישע פארשטייער זיינען אויך פאר אן "אנטי-דאמפינג" אפמאך, כאטש ס'איז פאר קיינעם נאך ניט קלאר, ווי מען וועט קאנען באשטימען וואס איז א יושרדיקער פרייז און ווען ווערט עס "דאמפינג". באזונדערס וועט עס זיין שווער צו באשטימען בנוגע סאוו. רוסלאנד זעלבסט, וואו דער אינערלאכער פרייז פון ווייץ איז אן א פארגלייך העכער ווי דער אויף וועלכן סאוועטישע תבואה ווערט פארקויפט אין אויסלאנד.

וואס איז שייך אמעריקע, שטיט זי פעסט אויף איר פארשלאג פון שניידן די ווייץ פראדוקציע, און זי איז קעגן ווייץ קוואטאס.

אונטער דער פארזיצערשאפט פון א. ע. דארבי, פון וויניפעג, איז באשטימט געווארן א ספעציעלע סוב קאמיסיע וועמעס אויפגאבע ס'איז צו געפינען פלענער ווי אפצוזעצן דעם איבערפלוס פון ווייץ. ס'איז דא א פארשלאג, אז די ווייץ זאל ספעציעל דענאטוראליזירט ווערן, אזוי אז זי זאל קאנען באנוצט ווערן בלויז פאר פאשע פאר בהמות. לויט אן אנדער פארשלאג וואלט מען דעם ווייץ איבערפלוס געדארפט אראפזעצן אין כינע אויף ספעציעל נידעריקע פרייזן.

די סאוועטישע דעלעגאטן ביי דער קאנפערענץ זיינען קיסין, לובאנאוו און בראז.

—(::)—

פאראורטיילט צו תליה פאר מאָרד

קריינברוק, ב. ק., מאי 21. — ביל מאטקאוו, אן אוקראינער, איז פאראורטיילט צו געהאנגען ווערן יולי 17טן פאר דערמארדן דא נאוו. 29טן א געוויסן דזשאן פראזאוו.

מאטקאוו האט גע'טענה'ט אז פראזאוו און זיינער א שותף, דזשאן לענדראסקי, פלעגן אים שטענדיק בארויבן, און אז ווען ער האט אוועקגעגעבן זיין געלט צו א פריינט באהאלטן, האבן זיי אים דערפאר צע'ממית'ט. ער האט אויך געזאגט, אז ער האט ניט געוואלט דערמארדן פראזאוון, נאר בלויז אפשלאגן זיך פון אים.

פארהאנדלונגען צווישן בריטישער רעגירונג און אידישער אגענטור פאקטיש פארענדיגט

לאנדאן, מאי 21 (איטא). — די פארהאנדלונגען צווישן דער בריטישער רעגירונג און די אידישע פירער זיינען פאקטיש געשלאסן, — האט דראמאנד שילס, אונטער-סעקרעטאר פאר די קאלאניעס, דערקלערט נעכטן אין הויז, אין ענטפער אויף אן אנפראגע פון דעפוטאט האווארד ביורי.

דר. שילס האט צוגעגעבן, אז סיי די אראבישע און סיי די אידישע פירער איז געגעבן געווארן די געלעגנהייט אויסצודריקן זייערע מיינונגען בנוגע דעם פאלעסטינער אנטוויקלונגס פלאן. די אראבישע עקזעקוטיווע איז איינגעלאדן געווארן דורכצושמועסן זיך וועגן דעם ענין מיט דעם הויך-קאמישאנער, האט דר. שילס געזאגט, אבער די עקזעקוטיווע האט דערקלערט, אז אוידער זי באטייליקט זיך אין פארהאנדלונגען, מוזן אויסגעפילט ווערן געוויסע באדינגונגען. דאס האט געמאכט פארמאלע אונטערהאנדלונגען מיט די אראבער אוממעגלאך, אבער דער הויך-קאמישאנער האט פריוואט אויסגעקראגן די מיינונגען פון די אראבישע פירער און זייערע פארשלאגן.

דר. שילס האט ניט געקאנט אנגעבן קיין דאטע ווען דער אנטוויקלונגס פלאן וועט פארעפנטלעכט ווערן פאר'ן הויז, אבער ער האט צוגעזאגט, אז דאס וועט לאנג ניט געדויערן.

אידישע אָרטאָגראפישע קאנפערענץ עפנט זיך מאָרגן אין ווילנע

ווילנע, מאי 21. — מארגן (פרייטאג) און שבת, מאי 22טן און 23טן, ווערט דא דורכגעפירט די אידישע ארטאגראפישע קאנפערענץ פארופן פון דעם אידישן וויסנשאפטלאכן אינסטיטוט, מיט'ן צוועק פעסטצושטעלן אלגעמיינע כללים פון אידישן אויסלייג.

די טאג-ארדענונג פון דער קאנפערענץ איז אזא:

1. עפענונג; 2. באריכט פון דער פילאלאגישער סעקציע; 3. דער היינטיקער צושטאנד פונ'ם אידישן אויסלייג; 4. אויסלייג און מוסטער-ארויסשפראך; 5. פאנעטישער אדער קאנווענציאנעלער אויסלייג; 6. די שרייבונג פון העבראאיזמען; 7. איינצלנע פראגעס; 8. פאראיינהייטלאכונג אין שינויים אין דער גראפיק; 9. אפשטעל צייכנס; 10. לאטייניש טראנסקריפציע; 11. אפשטימונג פון רעקאמענדאציעס.

א צאל וויכטיקע רעפעראטן וועלן געליינט ווערן פון אנגעזעענע שפראך פארשער.

—(::)—

דאָקטאָר גייט בעסער אין געפענגעניש, ווי צו צאלן שטראף

וואנקאווער, ב. ק., מאי 21.— דר. א. ס. מוירפי, וועמעס נאמען איז מיט א פאר חדשים צוריק אראפגענומען געווארן פונם ליסט פון דאקטוירים - וואס מעגן פראקטיצירן אין בריטיש קאלאמביא, איז אוועק זיצן אין געפענגעניש, איידער צו צאלן א שטראף פון $50.

די שטראף איז אויף אים ארויפגעלייגט געווארן פאר "פראקטיצירן אן לייסנס". ער האט אין געריכט שארף אטאקירט דעם מעדיצינישן אקט.

הונגעריקע, דערפראָרענע ארבעטסלאזע זוכן שוץ פון דער קעלט אין דער פאליציי סטאנציע

ארום א הונדערט הונגעריקע, האלב דערפרוירענע ארבעטסלאזע, ציטערנדיק פון קעלט אין זייערע צעריסענע קליידער, האבן זיך לעצטן דינסטאג געווענדעט אין דער צענטראלער פאליציי סטאנציע מיט דער בקשה מען זאל זיי לאזן דארטן איבערנעכטיקן.

די פאליציי האט אלעמען אריינגעלאזט, און דאס פלאץ איז געווארן פול איבער די ברעגן. ניט נאר די איינציקע בעטלאך, נאר אפילו דער דיל איז געווען גערוקט מיט די "געסט", וואס האבן דא געקראגן גאנץ ווייניק באקוועמלאכקייטן.

דאס זיינען געווען כמעט לויטער פארבייפארער, וואס זיינען דא פארכאפט געווארן פון דער ביטערער קעלט. די פאליציי זאגט קיינמאל ניט אפ אזעלכע א נאכט-לעגער און א פרישטיק. מער, ווי פיר מאל אבער קאן מען ניט געניסן פון דער פאליציים "גאסטפריינטלאכקייט". קומט מען א פינפטן מאל, דאן קריגט מען א ווארנונג צו פארלאזן גלייך די שטאט, און אז ניט — שיקט מען איבער אין די ווייטערע מקומות, הינטער די גראטעס אין דער געפענגעניש.

גערטנער האבן געליטן פון פראסט

די פרי פארזייטע גערטנער און בלומען האבן שווער געליטן פון די שטארקע גראד פראסט פון לעצטן דינסטאג, גלויבט מען. עס איז אבער אויך א סברא, אז דאס גארטנווארג, אונטערן צודעק פון שניי, האט ניט געקאנט ליידן באזונדערס.

זיכער איז, אז די תבואה פעלדער האבן זייער פיל געוואונען און זיי זיינען איצט געזעטיקט מיט פייכטקייט.

מאָזלען עפידעמיע פארשפרייט זיך ווייטער אין וויניפעג

די פארשפרייטונג פון מאזלען קראנקהייט אין וויניפעג, האט אנגענומען אן עפידעמישן כאראקטער, אבער קיין טויט פאלן זיינען ביז היינט ניט פארעגיסטרירט געווארן. פון שבת ביז נעכטן זיינען 150 קינדער קראנק געווארן אויף מאזלען, און זינט אנפאנג מאי זיינען פארעגיסטרירט געווארן 614 פאלן. פון דעם ערשטן אפריל ביז דעם 19טן מאי, זיינען 1,200 קינדער קראנק געווארן אויף מאזלען.

די מאזלען קראנקהייט האט זיך אנגעהייבן צו פארשפרייטן אין יאנואר מאנאט אין א געגנט אין צענטער וויניפעג. און עס האט זיך לאנגזאם פארשפרייט אין פעברואר מאנאט און עס האט זיך שפעטער שטארק אנטוויקלט אין צפון און אין דרום וויניפעג.

דער פראגרעס פון דער קראנקהייט איז געווען אזא: יאנואר, 26 פאלן; פעברואר, 79; מארטש, 219; אפריל, 585; מאי, ביז נעכטן, 614.

לויט דר. דאוגלאס, קומען מאזלען עפידעמיעס אלע דריי יאר, אבער היינטיקס יאר איז אן אויסנאם. דער קומענדיקער גרויסער אויסברוך האט ערשט געזאלט זיין אין 1932. אין 1929 זיינען אין אן ענלאכער עפידעמיע קראנק געווען 4,695 קינדער.

מאזלען איז אן אויסשליסלאך קינדערשע קראנקהייט. אבער עס ווערט פארשטאנען, אז דערוואקסענע וועלכע האבן אין זייערע קינדער יארן ניט געהאט קיין מאזלען קאנען, אין א צייט פון אן עפידעמיע זיך אויך אנשטעקן מיט דער דאזיקער קראנקהייט.

חיים גרינבערג מאָרגן וועגן "שיילאָק"

"שעקספיר'ס שיילאק" וועט זיין די טעמע פון חיים גרינבערגס לעקציע מארגן (פרייטאג), פונקט 9 אווענט, אין פאלקס שול.

זונטאג אווענט, מאי 24טן, וועט ח. גרינבערג ריידן אין ציון זאל, אויף דער טעמע: "דער קריזיס פון דער דעמאקראטיע".

—(::)—

פינלאנד האט טענות צו סאוועט רוסלאנד

העלסינגפארס, מאי 21. — אין ענטפער אויף א קלאגע מצד סאוועט רוסלאנד למאי די פינישע רעגירונג דולדעט אנטי-סאוועטישע פראפאגאנדע ביי זיך אין לאנד, האט פינלאנד געענטפערט מיט א קעגן קלאגע, אז די סאוועט רעגירונג האט געבראכן אירע הבטחות וועגן דער באהאנדלונג פון דער פינישער מינדערהייט אין סאוועטן פארבאנד.

די פינישע רעגירונג צייגט אן אויף דער באהאנדלונג פון אינגריאנער, א פינישער שבט, מצד דער סאוועט רעגירונג. זיי זאלן האבן בארויבט געווארן פון זייערע נאציאנאלע רעכט און דערנאך דעפארטירט געווארן קיין פינלאנד.

—(::)—

רבי זילבערשטיין אין תפארת ישראל שול

רבי זילבערשטיין וועט האלטן זיין שבועות רעדע, שבת, דעם אנדערן טאג שבועות, 6 נ.מ., אין תפארת ישראל שול.

אגב - אורחא

פון מארק

דער אידישער ביכער מסחר

מיר האבן שוין דא ניט איין מאל גערעדט וועגן דעם, אז ס'איז ניטא קיין ספעציפיש אידישער טעאטער קריזיס; ס'איז דא אן אלגעמיינער טעאטער קריזיס, פון וועלכן אויך אידישע טעאטערס ליידן, כאטש די צאל באזוכער פונ'ם אידישן טעאטער איז איצט א סך גרעסער, ווי מיט א פאר צענדליק יאר צוריק.

אז ס'איז ניטא דא אין לאנד קיין באזונדער אידישער צייטונגס קריזיס, דאס דארף זיין, דאכט זיך, קלאר פאר אלעמען; די אידישע פרעסע דא אין לאנד האלט אין איין וואקסן סיי אין כמות, און סיי אין איכות. זיכער ליידן אויך די אידישע צייטונגען פונ'ם אלגעמיינעם קריזיס, אבער ניט מער, ווי די אנדערע צייטונגען.

און איך לייקן אויך, אז ס'איז דא א ספעציעלער אידישער בוך קריזיס, — וויפיל מען זאל איבער אונז ניט קלאגן אויפן חורבן פונ'ם אידישן בוך.

* * *

מיר האבן דא פאראיארן אין אן ערך דער זעלבער צייט געזען, ווי מען קאן פארקויפן אידישע ביכער.

ס'איז דא דאן געווען ה' לעוו, פונ'ם פארלאג קאפעראטיוו "ביכער".

ער האט אין וויניפעג און אין מערב קאנאדע דאן פארקויפט אידישע ביכער אויף א גאנץ באדייטנדיקער סומע, — דאכט זיך, צווישן דריי און פיר טויזנט ביכער.

האבן דאן די היגע אידישע ביכער הענדלער אין דעם געזען דעם אנהויב פונ'ם סוף. זיי זיינען געווען אונטער'ן איינדרוק, אז דערמיט איז שוין דער ביכער מארק דא אויסגעשעפט געווארן פאר יארן.

און אט איז איצט אהער געקומען ארטור זיגלבוים, פארשטייער פונ'ם ביכער פארלאג פון דער קולטור-ליגע, און ער האט דערוויילע אין וויניפעג אליין, אזא שווערער צייט פון קריזיס, פארקויפט נאך אויף אנדערהאלבן טויזנט דאלאר ביכער.

און די טעג פארט ער ארויס. איבער דער מערב קאנאדער פראווינץ, און איך בין זיכער, אז ער וועט דארטן אויך ניט ערגער אויסמאכן.

* * *

אנקומענדיק אהער, האט ארטור זיגלבוים מיר דערציילט וועגן דער שווערער לאגע פון דער קולטור-ליגע אין פוילן, ווי א פועל-יוצא פון דעם עקאנאמישן חורבן פונ'ם לאנד בכלל און פון דער אידישער באפעלקערונג בפרט, און וועגן דער געפאר וואס דראעט דעם פארלאג, דער גרעסטער אונטערנעמונג פון דער קולטור-ליגע.

ער איז, הייסט עס, געקומען אהער אויף א שליחות פון דער קולטור-ליגע צו ראטעווען דעם פארלאג. און אזוי ווי ער האט ניט געוואלט פארן אהער צו בעטן סתם שטיצע, האט ער געבראכט אהער ביכער, — זאל דער היגער עולם העלפן דעם קולטור-ליגע פארלאג, דורך קויפן זיינע ביכער.

איך האב אים דאן א עצה געגעבן צו ריידן וואס ווייניקער וועגן זיין געזעלשאפטלאכער שליחות, נאר בעסער באטאנען די געשעפטלאכע זייט פון דער טראנזאקציע.

עס זאל הייסן אזוי: "אט האט איר דא גוטע אידישע ביכער, ספעציעל אויסגעקליבן און ארויסגעגעבן פון אזא ראיעלער ארגאניזאציע, ווי די קולטור-ליגע. די אויסגאבן זיינען שיין, די פרייזן זייער מעסיק, — א גוטע סחורה פאר א צוגעגלאכן פרייז".

איך ווייס ניט צי ער האט געפאלגט מיין עצה; אבער איך בין זיכער, אז ער וואלט איצט, אונטער די עקזיסטירנדיקע באדינגונגען, ניט געקאנט פארקויפן פון וויניפעג קיין אנדערהאלבן טויזנט דאלאר, ווען ער וואלט די קונים ניט געגעבן א סחורה וואס זיי גלויבן אז ס'איז ווערט דאס געלט.

* * *

ניין, ס'איז ביי אונז ניטא קיין קריזיס פונ'ם אידישן בוך, נאר עס איז ביי אונז א מאנגל פון גוטע ביכער סוחרים וואס זאלן קאנען אפשאצן דעם מארק און אויסנוצן די געלעגנהייטן.

אין אמעריקע איז מען ניט געוויינט צו גיין זוכן וואס צו קויפן. מען איז דא געוויינט געווארן מען זאל צווינגען צו קויפן.

דא "דעליווערט מען די גודס". מען ברענגט אייך צו אייער טיר אלץ וואס איר דארפט, און איר נעמט אפט זאכן; אפילו ווען איר קאנט גאנץ גוט אויסקומען אן זיי.

און ברענגט מען עס ניט צו אייך אין הויז, האמערט מען וועגן דעם אין אייער קאפ דורך רעקלאמעס, ביז עס פאראינטערעסירט און פאראינטריגירט אייך, — און איר קויפט.

און דאס אידישע בוך נאר ליגט אויף די פאליצעס אונטער א שיכט פון שטויב, ליגט געבאך שטום און ווארט ביז אימיצער וועט קומען און אויסלייזן עס פון גלות.

ווען הענרי פארד וואלט אזוי געטאן מיט זיינע אוטאמאבילן, וואלטן אין אמעריקע ביי היינטיקן טאג ניט געווען קיין 25 מיליאן אוטאמאבילן, און מיר וואלטן אפשר אפילו ניט געוואוסט, אז ס'איז דא א הענרי פארד אויף דער וועלט.

* * *

דער מזל פון די אידישע צייטונגען דא איז געווען וואס זיי זיינען אריינגעפאלן אין די הענט פון געשעפטסלייט, וואס האבן פארשטאנען ווי צו געווינען דעם מארק פאר זייער סחורה.

דאס אידישע בוך איז פארבליבן א מצוה, און מצוות, ווי איר ווייסט, טוט מען מיט א מאס.

עס איז אמת, אז ווען אידישע ביכער זאלן ווערן א סחורה אויפ'ן מארק וועט זיך עס שלעכט אפרופן אויף זייער קוואליטעט.

אין דער אונטערשטער שורה אבער קומט מיט דער קוואנטיטעט אויך א געווינס און קוואליטעט. אז דער עולם קויפט ביכער און לייענט, וועט ער שוין אנהויבן קויפן אויך מער בעסערע ביכער: פארד האט מיט זיינע ביליקע אוטאמאבילן אויסגעטראטן דעם וועג פאר די טייערע.